# דעם רבינ'ס ליכט

כי תשא תשפ"ב
גליון 81



אײַערע קינדער זאָלט איר מודיע זיין וואס דאָ האָט זיך גיטאָן (שיהר"ן ר"ט)

## דער ריינער קוואל

**אַ גוטן לעכטיגן שַׁבָּת פאר אַלע טײַערע קינדער**

מיר שטייען שוין אין די דרייסיג טעג פאַר פּוּרים. אַזוי ווי אַלע אידן גרייטן זיך שוין צום הייליגן טאָג 'פּוּרים', דאַרפן מיר וויסן אַז עֲמָלֵק מיט זיין חַבְרַיָּא גרייטן זיך אויך אָן צו קאַלט מאַכן דער מַצָּב.

עֲמָלֵק איז אַ גרויסער 'מְחוּצָּף' און אַן 'עַז פָּנִים', ער קילט אָפּ די הייליגע אֱמוּנָה פון יעדן איד, אַזוי ווי עס שטייט אין די תּוֹרָה "אֲשֶׁר קָרְךָ בַּדֶּרֶךְ", קָרְךָ זאָגט רש"י הַקָּדוֹשׁ האָט דריי פְּשָׁטִים.

אַ) אַ לָשׁוֹן פון אַ "מִקְרֶה" דער ווערט פון עֲמָלֵק איז אַז ער קומט אָן "פּלוּצלינג" אומגעריכט.

ב) אַ לָשׁוֹן פון טוּמְאָה. עֲמָלֵק האָט געמאַכט אומריין די שוואַכע אידן אַזוי ווי דער פָּסוּק זאָגט "וְאַתָּה עָיֵף וְיָגֵעַ".

ג) עֲמָלֵק האָט קאַלט געמאַכט אַ לָשׁוֹן "קְרִירוּת" ער מאַכט קאַלט יעדע דָּבָר שֶׁבִּקְדוּשָּׁה.

וואו עס איז דאָ עפּעס שלעכטס אויף דער וועלט צום בײַשפּיל: אֶפִּיקוֹרְסוּת, עֲבֵרוֹת, חֲלִישׁוּת הַדַּעַת, לֵיצָנוּת, תַּאֲווֹת און מִדּוֹת רָעוֹת, יֵאוּשׁ אָדער עַצְבוּת אַלעס נעמט זיך פון עֲמָלֵק וואס ווערט אָנגערופן "רֵאשִׁית גּוֹיִם עֲמָלֵק".

וואס איז די עֵצָה זיך צו קענען שטעלן קעגן אים?! מען זאָל זיך מְקַשֵּׁר זיין צום צַדִּיק וואס ער קען מִלְחָמָה האַלטן מיט עֲמָלֵק. אַזוי ווי בײַ יְצִיאַת מִצְרַיִם האָט משֶׁה רַבֵּינוּ געזאָגט פאַר יְהוֹשֻׁעַ "צֵא הִלָּחֵם בַּעֲמָלֵק". אַזוי אויך בײַ די גְּזֵרָה פון הָמָן מיט אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ איז מָרְדְּכַי הַצַּדִּיק אַרויס אין די גאַסן און געשריגן "אַ זְעָקָה גְּדוֹלָה וּמָרָה" וואס איז געווען זיין געשריי?! "אידעלעך, געוואַלד! זייט אייך נישט מְיַיאֵשׁ!", ער האָט טאַקע צוזאַמגענומען די תִּינוֹקוֹת שֶׁל בֵּית רַבָּן - די קליינע קינדערלעך און געלערנט און געדאַוונט מיט זיי, אֲפִילוּ מען האָט שוין געהאַלטן נאָכדעם וואס די בְּרִיוֹן זענען אַרויסגעשיקט געוואָרן פאַר אַלע פעלקער אַז מען דאַרף חַס וְחָלִילָה אומברענגען די אידן, פונדעסטוועגן האָט מָרְדְּכַי הַצַּדִּיק געוואוסט אַז מען טאָר זיך נישט מְיַיאֵשׁ זיין.




המשך אויף זייט 8

## פְּרַאווען דִי חֲתוּנָה אִינְדֶערְהֵיים

דֶער טְשֶׁערִינֶער רַב הָאט גֶעלֶערְנְט גָאר פְלַייסִיג דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, עֶר הָאט נִישְׁט גֶערֶעדְט מִיט קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ קַיין אִיבֶּערִיגֶע וָוארְט, עֶר אִיז נָאר גֶעוֶוען אַרַיינְגֶעטוּן אִינְגַאנְצְן אִין דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה. וֶוען דִי שְׁטָאטְ'ס לַייט פוּן טְשֶׁערִין הָאבְּן גֶעזֶען זַיין גְרוֹיסְקֵייט הָאבְּן זֵיי זֵייעֶר גֶעוָואלְט אִים הָאבְּן אַלְס אַ רַב בַּיי זֵיי אִין שְׁטָאט. אָבֶּער דֶער טְשֶׁערִינֶער רַב הָאט אָפְּגֶעוָוארְפְן זֵייעֶר פָארְשְׁלַאג, טְרָאץ וָואס עֶר אִיז גֶעוֶוען אִין זֵייעֶר אַ גֶעדְרִיקְטֶע אוּמְשְׁטַאנְד אוּן דָאס רַבָּנוּת וָואלְט אִים צוּגֶעהָאלְפְן צוּ אַבִּיסְל רַחֲבוּת.

וֶוען זַיין חָשׁוּבֶ'ע מַאמֶע הָאט גֶעזֶען אַז עֶר זָאגְט זִיךְ אָפּ פוּן זַיין אַ רַב, אִיז זִי גֶעפָארְן צוּ רֶבִּי נַפְתָּלִי, אוּן זִיךְ אוֹיסְגֶערֶעדְט צוּ אִים אַז אִיר זוּן אִיז אִין אַ גֶעדְרִיקְטֶע מַצָּב אוּן עֶר ווִיל נִישְׁט וֶוערְן קַיין רַב, יֶעצְט טְרָאגְט מֶען אִים אָן אַ מְכוּבָּד'יגֶע פַּאסְטְן אִין זַיין שְׁטָאט טְשֶׁערִין אָבֶּער עֶר וַוארְפְט דָאס אָפּ. רֶבִּי נַפְתָּלִי הָאט טַאקֶע צוּגֶערֶעדְט דֶעם טְשֶׁערִינֶער רַב עֶר זָאל יָא אָנְנֶעמֶען דֶעם פָּאסְטְן אוּן הָאט אִים זֵייעֶר גֶעשְׁטַארְקְט עֶר זָאל וֶוערְן אַ רַב אִין טְשֶׁערִין.

עֶס אִיז גֶעוֶוען אַיינְגֶעפִירְט יֶענֶע יָארְן אַז יֶעדֶע גֶעגְנְט הָאט בַּאלַאנְגְט פַאר אֵיינֶע פוּן דִי רַבָּנִים וָועלְכֶע זֶענֶען גֶעוֶוען מְפוּרְסָם אִין יֶענֶעם דוֹר. דִי שְׁטָאט טְשֶׁערִין אִיז גֶעוֶוען אוּנְטֶערְן שָׁאטְן פוּן הָרַב רֶבִּי יִשְׂרָאֵל יַעֲקֹב פוּן טְשֶׁערְקַאס אַ זוּן פוּן דֶער מַגִּיד פוּן טְשֶׁערְנָאבְּל זַצַ"ל. דִי מִתְנַגְּדִים זֶענֶען גֶעלָאפְן צוּם רַב מִיט אַ טַעֲנָה אַז דִי בְּרֶסְלֶבֶ'ע – וָועלְכֶע זֶענֶען גֶעוֶוען רוֹב פוּן דִי אָנְגֶעזֶעֶענֶע פוּן שְׁטָאט – הָאבְּן אוֹיפְגֶענוּמֶען עֶפֶּעס אַ אִינְגֶערְמַאן פַאר אַ רַב אָן רְשׁוּת, וֶוער וֵוייסְט צוּ עֶר קֶען בִּכְלַל לֶערְנֶען?!

גְלַייךְ הָאט דֶער רַב פוּן טְשֶׁערְקַאס גֶעשִׁיקְט רוּפְן טְשֶׁערִינֶער רַב דוּרְךְ זַיין מְשַׁמֵּשׁ. מֶען הָאט בַּאשְׁטִימְט אַ צַייט וֶוען מֶען וֶועט זִיךְ טְרֶעפְן, וֶוען עֶס אִיז גֶעקוּמֶען דִי צַייט אִיז דֶער טְשֶׁערִינֶער רַב אִין בַּאגְלֵייטוּנְג פוּן ר' אַבְרָהָם דוֹב – אַן אֵיינִיקְל פוּן רֶבִּי'ן – מִיט ר' אַבָּא'לֶע אוּן ר' פֶּסַח זְסְלַבְסְקִי וָועלְכֶע זֶענֶען גֶעוֶוען דִי נְגִידִים אוּן אָנְגֶעזֶעֶענֶע פוּן שְׁטָאט זִיךְ אַרוֹיסְגֶעלָאזְט צוּם רֶבִּי יִשְׂרָאֵל יַעֲקֹב.

גְלַייךְ בַּיים אַרַיינְקוּמֶען הָאט דֶער טְשֶׁערְקַאסֶ'ער רַב זֵיי שֵׁיין אוֹיפְגֶענוּמֶען אוּן גֶעשְׁמוּעֶסְט מִיטְ'ן טְשֶׁערִינֶער רַב פַארְשִׁידֶענֶע עִנְיָנִים. דֶערְנָאךְ הָאט עֶר גֶעבֶּעטְן פוּן טְשֶׁערִינֶער רַב עֶר זָאל אַרַיינְקוּמֶען אֵיינֶער אַלֵיין אִין צְוֵוייטְן צִימֶער וואוּ עֶס זֶענֶען גֶעזֶעסְן עֶטְלִיכֶע אִינְגֶעלַייט, עֶר הָאט גֶעוָואלְט דֶער טְשֶׁערִינֶער רַב זָאל מִיט זֵיי אַרוּמְרֶעדְן אִין גְּמָרָא אוּן אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ [עֶר הָאט בֶּעפָאר צוּגֶעגְרֵייט דִי גְרוֹיסֶע לוֹמְדִים זֵיי זָאלְן פַארְהֶערְן דֶעם נַייעֶם רַב] זֵיי הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן זִיךְ מְפַלְפֵּל זַיין אִין גַאנְץ שַׁ"ס אוּן פּוֹסְקִים מֶשֶׁךְ עֶטְלִיכֶע שָׁעָה, דֶערְנָאךְ זֶענֶען זֵיי אַרוֹיס פוּן צִימֶער אוּן זִיךְ אָנְגֶערוּפְן צוּם רַב פוּן טְשֶׁערְקַאס: "מִיר קֶענֶען עֵדוּת זָאגְן אַז דֶער אִיד אִיז בָּקִי אִין דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה, עֶר קֶען זַיין אַ רַב אִין אֵיינֶע פוּן דִי גְרֶעסְטֶע קְהִלּוֹת". אַזוֹי הָאבְּן זֵיי אִים בַּאפְרַייט!



די שטאט טשערין היינט צו טאג

ווִיבַּאלְד דֶער טְשֶׁערִינֶער אִיז גֶעוֶוען אַזַא מַתְמִיד אוּן זִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט אָפְּטוּן פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אֲפִילוּ אוֹיף אֵיין רֶגַע, פְלֶעגְט עֶר קֵיינְמָאל נִישְׁט גֵיין אוֹיף קַיין חֻפָּה אָדֶער סְעוּדָה פוּן אַ חֲתוּנָה כְּדֵי נִישְׁט צוּ פַארְבְּרֶענְגֶען זַיין טַייעֶרֶע צַייט. דִי שְׁטָאטְ'ס לַייט פְלֶעגְן לָאזְן ווִיסְן פַאר דֶער שַׁמָּשׁ פוּן טְשֶׁערִינֶער רַב וֶוען זֵיי פִירְן זֵייעֶרֶע קִינְדֶער צוּ דִי חֻפָּה אוּן חֲתוּנָה

המשך אויף זייט 6

אין שְׁטֶעטְל בְּרֶסְלֶב מִיט יָארְן צוּרִיק
קִינְדֶערְלֶעךְ קוּמְט לָאמִיר, כַאפְּן אַ בְּלִיק
אַ הַייזְקֶעלֶע שְׁטֵייט דָארְט, אוֹיף דֶעם הֵיילִיגְן אָרְט
וואוּ טְרֶעפְט מֶען הַיינְט אַ שְׁטוּב אַזַא סָארְט

צוּם פֶּענְסְטֶער מִיר וֶועלְן צוּגֵיין יֶעצְט שְׁטִיל
מִיט אַ מוֹרָא און רֵיינֶע קְדוּשָׁה גֶעפִּיל
וָואס אִיז דֶער שַׁיין, דֶער הֵיילִיגֶער גֶעזִיכְט
אֶפְשָׁר אִיז דָאס, גָאר דִי שַׁבָּת לִיכְט

אוֹי, אוֹיפְ'ן רֶבִּי'נְס פָּנִים אַ פַייעֶר פְלַאם
וִוי דִי זוּן און לְבָנָה צוּזַאם
זַיין דְבֵקוּת און קְדוּשָׁה צוּם גְרוֹיסְן בַּאשֶׁעפֶער
פוּן דִי עֶרְד אִיז עֶר אַסַאךְ מֶער הֶעכֶער

אוֹי, אַ קוֹל טוּט מֶען גָארְנִישְׁט הֶערְן
דִי יִרְאָה אִין דִי לוּפְט טוּט זִיךְ מֶערְן
מִיטְ'ן בֶּעכֶער אִין זַיין הַאנְט, עֶר שְׁטֵייט אַזוֹי לַאנְג
נָאר אַ שְׁטִילֶע בְּרוּם עֶס הֶערְט זִיךְ אַרוּם

פְּלוּצְלִינְג אַ זִיסֶער ווָאוּנְדֶערְלִיכֶער קְלַאנְג
יוֹם הַשִּׁשִּׁי מֶען הֶערְט אַ גֶעזַאנְג
אִין דִי הוֹיכֶע עוֹלָמוֹת דֶער רֶבִּי אִיז אַצִינְדֶער
צוּם שַׁבָּת טִישׁ מִיר לוֹיפְן אַלֶע קִינְדֶער

וִוי לֶעכְטִיג ר' נָתָן, בַּאשְׁרַייבְּט דָאס אַזוֹי
אַשְׁרֵי הָעָם שֶׁכָּכָה לּוֹ




טַייעֶרֶע קִינְדֶער, נָאךְ קִדוּשׁ הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעזִינְגֶען אַזוֹי ווָאוּנְדֶערְלִיךְ שַׁיין 'אַתְקִינוּ סְעוּדָתָא' מִיט 'אֲזַמֵּר בִּשְׁבָחִין'.

אוֹיךְ מֶען קֶען נִישְׁט בַּאשְׁרַייבְּן, וִויאַזוֹי עֶר הָאט גֶעזִינְגֶען דִי אַנְדֶערֶע זְמִירוֹת, וִוי כָּל מְקַדֵּשׁ, מְנוּחָה וְשִׂמְחָה, און אֵשֶׁת חַיִל, מֵעֵין עוֹלָם הַבָּא, מִיט אַזַא אֱמֶתְ'ע עֲנָוָה און אַלֶע סָארְטְן חֵן און זִיסְקֵייט.

ר' נָתָן דֶערְצֵיילְט אַז וֶוער עֶס הָאט נִישְׁט מִיטְגֶעהַאלְטְן דִי זְמִירוֹת פוּן שַׁבָּת בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, הָאט נָאךְ אִין זַיין לֶעבְּן נִישְׁט גֶעזֶען קֵיין גוּטְס!

טַייעֶרֶע קִינְדֶער, יֶעדֶער אֵיינֶער פוּן אוּנְז ווִיל גוּטֶע זַאכְן, מִיר פַארְשְׁטֵייעֶן פוּן ר' נָתָן אַז דִי 'זְמִירוֹת שַׁבָּת' בִּפְרָט שַׁבָּת בַּיינַאכְט אִיז עֶפֶּעס גָאר אַ גוּטֶע זַאךְ!

לָאמִיר זִיךְ שְׁטַארְקְן און זִיךְ נִישְׁט שֶׁעמֶען, נָאר זִינְגֶען גָאר שַׁיין דִי זְמִירוֹת פוּן שַׁבָּת. זִינְגֶען און זִינְגֶען און טַאנְצְן מִיט שִׂמְחָה אַז מִיר הָאבְּן אַזַא גוּטֶע בַּאשֶׁעפֶער און אַזַא פֵיינֶע מַתָּנָה דֶער שַׁבָּת מִיטְ'ן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

**צו הערן דעם ניגון, קלינג אין טעל ליין:**
**אויפן קנעפל: #2/5/3/4**

# ~ דִי צְוֶועלֶעוְוטֶע מַעֲשֶׂה וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט

## דֶער בַּעַל תְּפִלָּה ~10~




זֶענֶען זֵיי וַוייטֶער גֶעגַאנְגֶען אוּן זֵיי זֶענֶען גִיקוּמֶען צוּ אֵיין מְדִינָה הָאבִּין זֵיי גִיפְרֶעגְט דִי וַוארְטִיס וֶוער אִיז בַּיי אַייךְ אֵיין מֶלֶךְ? הָאבִּין זֵיי גִיעֶנְפֶערְט, אַז זֵייעֶר מֶלֶךְ אִיז אַ יְפַת תּוֹאַר מַחְמַת זִי בְּרֶענְגְט צוּם תַּכְלִית. וָוארִין דֶער תַּכְלִית אִיז יִישּׁוּב הָעוֹלָם (דְהַיינוּ אַז דִי וֶועלְט זָאל זַיין בַּאזֶעצְט מִיט מֶענְטְשְׁן) כַּנַּ"ל אוּן פְּרִיר אִיז בַּיי זֵיי גִיוֶוען אַ יְפַת תּוֹאַר פַּאר אֵיין מַלְכָּה, דֶערְנָאךְ הָאבִּין זֵיי גֶעפוּנֶען אַ יְפַת תּוֹאַר וָואס זִי אִיז ווִילְד שֵׁיין זֵייעֶר. הָאבִּין זֵיי זִי אוֹיף גִינוּמֶען פַּאר אַ מַלְכָּה.

הָאבִּין זֵיי זִיךְ גִישְׁטוֹיסִין, דָאס מוּז בְּוַודְאַי זַיין דִי בַּת מַלְכָּה. הָאבִּין זֵיי אוֹיךְ גֶעבֶּעטְן אוֹיבּ מֶען קֶען זִיךְ זֶעהְן מִיט אִיר. אִיז מֶען גֶעגַאנְגֶען אוּן מֶען הָאט גִימֶעלְדִיוֶועט. זֶענֶען זֵיי אַרַיין גֶעגַאנְגֶען צוּ דֶער מַלְכָּה הָאבִּין זֵיי זִי דֶערְקֶענְט אַז דָאס אִיז דִי בַּת מַלְכָּה אַלֵיין אוּן דִי שִׂמְחָה וָואס דָארְט אִיז גִיוֶוען, קָאן מֶען בְּוַודְאַי נִישְׁט מְשַׁעֵר זַיין. הָאבְּן זֵיי זִי גִיפְרֶעגְט ווִי קוּמְסְטוּ אַהֶער.

הָאט זִי זֵיי דֶערְצֵיילְט אַז דֶעמָאלְט אַז דֶער רוּחַ סְעָרָה אִיז גִיוֶוען. אוּן הָאט אוֹיס גֶעכַאפְּט דָאס טַייעֶרֶע קִינְד פוּן דֶער ווִיג אַרוֹיס כַּנַּ"ל אִיז זִי תֵּיכֶף בְּשַׁעַת בְּהָלָה נָאכְגֶעלָאפְן נָאךְ דֶעם קִינְד אוּן זִי הָאט עֶס נִישְׁט גֶעפוּנֶען. הָאט זִי דִי מִילְךְ גִישְׁפַּארְט אוּן דֶערְפוּן אִיז גִיוָוארִין אַ יַם פוּן מִילְךְ. דֶערְנָאךְ הָאבִּין זִי גֶעפוּנֶען דִי מְדִינָה אוּן הָאבִּין זִי אוֹיף גִינוּמֶען פַּאר אֵיין מֶלֶךְ אוֹיף זֵיי.

אוּן סֶע אִיז דָארְט גִיוֶוען אַ גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה אוּן זֵיי הָאבְּן זֵייעֶר גִיוֵויינְט אוֹיךְ אוֹיף דֶעם טַייעֶרְן קִינְד וָואס סֶע אִיז נִישְׁט דָא, אוּן אוֹיף אִיר פָּאטֶער אוּן מוּטֶער וָואס זִי וֵייסְט פוּן זֵיי נִישְׁט. אוּן הַיינְט הָאט שׁוֹין דִי מְדִינָה אַ מֶלֶךְ אוֹיךְ, וָוארִין דָא אִיז זִיךְ שׁוֹין דָא אִיר מַאן פוּן דֶער בַּת מַלְכָּה וָואס זִי אִיז דָא גִיוָוארִין מַלְכָּה וָוארִין דֶער גִבּוֹר אִיז זִיךְ אִיר מַאן. הָאט שׁוֹין דִי מְדִינָה אַ מֶלֶךְ.

הָאט דִי בַּת מַלְכָּה גֶעבֶּעטְן דֶעם בַּעַל תְּפִלָּה אַז עֶר זָאל דֶערְוַוייל גֵיין אִין אִיר מְדִינָה אוּן זָאל זִי דֶערְוַוייל אַבִּיסְל רֵיינִיקְן פוּן זֵייעֶר מִיאוּס שְׁלֶעכְץ. וָוארִין וַוייל בַּיי זֵיי אִיז דֶער עִיקָר תַּכְלִית גִיוֶוען אַ יְפַת תּוֹאַר זֶענֶען זֵיי בְּוַודְאַי זֵייעֶר מְזוּהָם גִיוֶוען אוּן זֶענֶען זֵייעֶר גִילִיגִין אִין דֶער תַּאֲוָה, אִיבֶּער דֶעם הָאט זִי גֶעבֶּעטְן דֶעם בַּעַל תְּפִלָּה אַז עֶר זָאל גֵיין אוּן זָאל זֵיי דֶערְוַוייל אַבִּיסְל רֵיינִיגְן דֶערְפוּן (כְּלוֹמֶר עֶר זָאל זֵיי מוּסָר זָאגִין אַז זֵיי זָאלִין נִישְׁט אַזוֹי לִיגִין אִין דֶער תַּאֲוָה פוּן נִיאוּף) אַז זֵיי זָאלִין נִישְׁט אַזוֹי גְרָאבּ זַיין אִין דֶעם שְׁלֶעכְץ וָוארִין חוּץ וָואס עֶס אִיז אַ תַּאֲוָה אִיז דָאס נָאךְ בַּיי זֵיי גִיוֶוען אַזוֹי ווִי אֵיין אֱמוּנָה אַז דָאס אִיז דֶער תַּכְלִית (וָוארִין דִי אַלֶע כִּתּוֹת וָואס אִיטְלִיכֶע הָאט זִיךְ אוֹיס גִיקְלִיבִּין אִירֶע שְׁלֶעכְטֶע זַאךְ פַּאר אַ תַּכְלִית כַּנַּ"ל. אִיז דִי זַאךְ בַּיי אִיטְלִיכֶער גִיוֶוען אַזוֹי ווִי אֵיין אֱמוּנָה אַז דָאס אִיז דֶער תַּכְלִית) אִיבֶּער דֶעם הָאט זִי גֶעבֶּעטְן דֶעם בַּעַל תְּפִלָּה אַז עֶר זָאל גֵיין אוּן זָאל זֵיי רֵיינִיגְן אַבִּיסְל דֶערְוַוייל.

דֶערְנָאךְ זֶענֶען זֵיי אַלֶע גֶעגַאנְגֶען זוּכִין דִי אִיבְּרִיקֶע זֶענֶען זֵיי גֶעגַאנְגֶען אוּן זֶענֶען גִיקוּמֶען צוּ אֵיין מְדִינָה הָאבִּין זֵיי אוֹיךְ גִיפְרֶעגְט וֶוער אִיז אַייעֶר מֶלֶךְ הָאט מֶען זֵיי גִיעֶנְפֶערְט. אַז זֵייעֶר מֶלֶךְ אִיז אַ בֶּן שָׁנָה וָוארִין זֵיי זֶענֶען פוּן דֶער כִּיתָּה וָואס זֵיי הָאבִּין זִיךְ אוֹיסְגִיקְלִיבִּין. אַז דֶער וָואס עֶר הָאט אַסַאךְ מְזוֹנוֹת אוּן עֶר וֶוערְט נִישְׁט גִישְׁפַּייזְט פוּן דֶעם עֶסְן פוּן אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן. דֶער קֶער צוּ זַיין אַ מֶלֶךְ. הָאבִּין זֵיי אוֹיף

גִינוּמֶען דֶערְוַוייל אֵיין עוֹשֶׁר פַאר אֵיין מֶלֶךְ. דֶערְנָאךְ הָאבִּין זֵיי גֶעפוּנֶען אַ מֶענְטְשְׁן וָואס עֶר אִיז גִיזֶעסִין אִין אַ יַם פוּן מִילְךְ. אִיז עֶר זֵיי זֵייעֶר גִיפֶעלִין וָוארִין דֶער מֶענְטְשׁ וֶוערְט זִיךְ גִישְׁפַּייזְט זִינְט עֶר לֶעבְּט פוּן מִילְךְ. אוּן עֶר וֶוערְט נִישְׁט גִישְׁפַּייזְט פוּן עֶסְן פוּן אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן. אִיבֶּער דֶעם הָאבִּין זֵיי אִים אוֹיף גִינוּמֶען פַאר אַ מֶלֶךְ. אוּן אִיבֶּער דֶעם הֵייסְט עֶר אַ בֶּן שָׁנָה וַוייל עֶר לֶעבְּט פוּן מִילְךְ וִוי אַ בֶּן שָׁנָה (דְהַיְינוּ אַ קִינְד פוּן אֵיין יָאר).

הָאבְּן זֵיי זִיךְ גִישְׁטוֹיסְן אַז דָאס אִיז בְּוַודַאי דָאס קִינְד זֵייעֶרְס. הָאבִּין זֵי גֶעבֶּעטְן אַז זֵיי זָאלִין זִיךְ זֶעהְן מִיט אִים. אִיז מֶען גֶעגַאנְגֶען מֶעלְדִיוֶוען זֶענֶען זֵיי אַרַיין גֶעגַאנְגֶען צוּ אִים הָאבִּין זֵיי זִיךְ דֶערְקֶענְט אֵיינְס דָאס אַנְדֶערֶע, וָוארִין עֶר הָאט זֵיי אוֹיךְ דֶערְקֶענְט חָאטְשֶׁע עֶר אִיז זִיךְ גִיוֶוען אַ קְלֵיין קִינְד דֶעמָאלְט אַז עֶר אִיז אַוֶועק גֶעכַאפְּט גִיוָוארְן. לוּשְׁמִיר וַוייל עֶר אִיז גִיוֶוען אַ גְרֵייטֶער חָכָם וִוי עֶר אִיז גִיבּוֹירְן גִיוָוארְן. וָוארְן עֶר אִיז זִיךְ גִיבּוֹירְן גִיוָוארִין מִיט גְרֵייטֶער חָכְמָה כַּנַ"ל. אִיבֶּער דֶעם הָאט עֶר זֵיי דֶערְקֶענְט. אוּן זֵי הָאבִּין אִים בְּוַודַאי דֶערְקֶענְט.

אִיז בְּוַודַאי דָארְט גִיוֶוען זֵייעֶר אֵיין גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה. לוּשְׁמִיר זֵיי הָאבִּין נָאךְ גֶעוֵויינְט וָואס זֵיי וֵוייסְן נִישְׁט פוּן דֶעם מֶלֶךְ מִיט דֶער מַלְכָּה. אוּן זֵיי הָאבִּין אִים גִיפְרֶעגְט וִוי קוּמְסְטוּ אַהֶער.

הָאט עֶר זֵיי דֶערְצֵיילְט אַז דֶעמָאלְט אַז דֶער רוּחַ סְעָרָה הָאט אִים אַוֶועק גֶעכַאפְּט הָאט עֶר אִים אַוֶועק גִיטְרָאגְן וִוי הִין עֶר הָאט אִים גִיטְרָאגִין אִיז עֶר דָארְט גִיוֶוען אוֹיף דֶעם אָרְט. אוּן עֶר הָאט זִיךְ מְחַיֶה גִיוֶוען מִיט וָואס עֶר הָאט דָארְט גֶעפוּנֶען. בִּיז עֶר אִיז גִיקוּמֶען צוּ דֶעם יַם פוּן מִילְךְ, הָאט עֶר פַארְשְׁטַאנֶען אַז דֶער יַם אִיז בְּוַודַאי גִיוָוארִין פוּן זַיין מוּטֶערְס מִילְךְ - וָוארִין דִי מִילְךְ הָאט זִי בְּוַודַאי גִישְׁפַּייזְט - אוּן דֶערְפוּן אִיז גִיוָוארִין דֶער יַם. אִיז עֶר דָארְט גִיזֶעסִין אוֹיף דֶעם יַם פוּן מִילְךְ. אוּן עֶר אִיז גִיוָוארִין גִישְׁפַּייזְט פוּן דֶער מִילְךְ בִּיז דִי מְדִינָה זֶענֶען גִיקוּמֶען. אוּן הָאבִּין אִים אוֹיף גִינוּמֶען פַאר אֵיין מֶלֶךְ.

דֶערְנָאךְ זֶענֶען זֵיי וַוייטֶער גֶעגַאנְגֶען אוּן זֵיי זֶענֶען גִיקוּמֶען צוּ אֵיין מְדִינָה. אוּן זֵיי הָאבִּין גִיפְרֶעגְט וֶוער אִיז בַּיי אַייךְ דֶער מֶלֶךְ. הָאט מֶען זֵיי גִיעֶנְפֶערְט אַז זֵיי הָאבִּין זִיךְ אוֹיס גִיקְלִיבִּין אַז רְצִיחָה אִיז דֶער תַּכְלִית. הָאבִּין זֵיי זִיךְ אוֹיף גִינוּמֶען פַאר אַ מֶלֶךְ אֵיין רוֹצֵחַ. דֶערְנָאךְ הָאבִּין זֵיי גֶעפוּנֶען אֵיינֶע אִיז גִיזֶעסִין אִין אַ יַם פוּן בְּלוּט. הָאבִּין זֵיי זִי אוֹיף גִינוּמֶען פַאר אַ מֶלֶךְ וָוארִין זֵיי הָאבִּין גִיזֶעהְן. אַז זִי אִיז בְּוַודַאי זֵייעֶר אַ גְרוֹסֶער רוֹצֵחַ וָוארִין זִי זִיצְט זִיךְ אִין אַ יַם פוּן בְּלוּט. הָאבִּין זֵיי אוֹיךְ גֶעבֶּעטְן אַז זֵיי זָאלִין זִיךְ מִיט אִיר זֶעהְן. זֶענֶען זֵיי גֶעגַאנְגֶען אוּן הָאבִּין גִימֶעלְדִיוֶועט' זֶענֶען זֵיי צוּ אִיר אַרַיין גֶעגַאנְגֶען' אוּן דָאס אִיז גִיוֶוען דִי מַלְכָּה הַנַ"ל. וָואס זִי פְלֶעגְט תָּמִיד וֵויינֶען. אוּן פוּן אִירֶע טְרֶערִין אִיז גִיוָוארִין דֶעם יַם פוּן בְּלוּט כַּנַ"ל.

הָאבִּין זֵיי זִיךְ אֵיינְס דָאס אַנְדֶערֶע דֶערְקֶענְט. אִיז דָארְט בְּוַודַאי גִיוֶוען זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה לוּשְׁמִיר זֵיי הָאבִּין נָאךְ גִיוֵויינְט. וָואס זֵיי וֵוייסְן נָאךְ פוּן דֶעם מֶלֶךְ נִישְׁט.

זֶענֶען זֵיי וַוייטֶער גֶעגַאנְגֶען. אוּן זֵיי זֶענֶען גִיקוּמֶען צוּ אֵיין מְדִינָה. הָאבִּין זֵיי גִיפְרֶעגְט וֶוער אִיז אַייעֶר מֶלֶךְ הָאט מֶען זֵיי גִיעֶנְפֶערְט. אַז זֵיי הָאבִּין זִיךְ אוֹיס גִיקְלִיבְּן פַאר אַ מֶלֶךְ אֵיין אִישׁ מְכוּבָּד. (כְּלוֹמֶר אַ מֶענְטְשׁ וָואס הָאט כָּבוֹד וְכוּ' כַּנַ"ל) וָוארִין בַּיי זֵיי אִיז דֶער עִיקָר תַּכְלִית כָּבוֹד. דֶערְנָאךְ הָאבִּין זֵיי גֶעפוּנֶען עֶס אִיז גִיזֶעסִין אִין פֶעלְד. אַ זָקֵן אָנְגִיטָאן אִין אֵיין קְרוֹין אוֹיף זַיין קָאפּ. אִיז עֶר זֵיי זֵייעֶר וואוֹיל גִיפֶעלִין. וָוארִין עֶר אִיז אַ מְכוּבָּד. וָוארִין עֶר זִיצְט אִין פֶעלְד אָנְגִיטָאן אִין אֵיין קְרוֹין. הָאבִּין זֵיי אִים אוֹיף גִינוּמֶען פַאר אֵיין מֶלֶךְ.

הָאבִּין זֵיי זִיךְ גִישְׁטוֹיסִין. אַז דָאס אִיז בְּוַודַאי זֵייעֶר מֶלֶךְ אַלֵיין. הָאבִּין זֵיי אוֹיךְ גֶעבֶּעטְן. אוֹיבּ סֶע אִיז מֶעגְלִיךְ מִיט אִים זִיךְ צוּ זֶעהְן. אִיז מֶען גֶעגַאנְגֶען אוּן מֶע הָאט גִימֶעלְדִיוֶועט.

זֶענֶען זֵיי צוּ אִים אַרַיין גֶעגַאנְגֶען הָאבִּין זֵיי דֶערְקֶענְט. אַז דָאס אִיז דֶער מֶלֶךְ אַלֵיין. אוּן דִי שִׂמְחָה וָואס דָארְט אִיז גִיוֶוען קָאן מֶען בְּוַודַאי נִישְׁט מְשַׁעֵר זַיין אִין מוֹחַ. אוּן דִי נַארִישֶׁע גָאטִין (דְהַיְינוּ דִי גְרוֹיסֶע עַשִׁירִים פוּן דֶער מְדִינָה פוּן עַשִׁירוֹת וָואס זֵיי זֶענֶען מִיט זֵיי גֶעגַאנְגֶען) גֵייעֶן מִיט זֵיי. אוּן זֵיי וֵוייסְן גָאר נִישְׁט פוּן זֵייעֶר לֶעבִּין וָואס דָא טוּט זִיךְ. וָואס מֶען אִיז דָא אַזוֹי פְרֵיילִיךְ.

אוּן הַיינְט זֶענֶען שׁוֹין ווִידֶער אוּן אֵיינֶעם צוּם אוֹיף גִיקוּמֶען דֶער הֵיילִיגֶער קִיבּוּץ. דְהַיְינוּ דֶער מֶלֶךְ מִיט דִי אַלֶע הֵיילִיגֶע לַייט. הָאבִּין זֵיי גִישִׁיקְט דֶעם בַּעַל תְּפִלָּה צוּ דִי אַלֶע מְדִינוֹת (דְהַיְינוּ דִי מְדִינוֹת פוּן אַלֶע כִּתּוֹת וָואס אִיטְלִיכֶע כִּיתָּה הָאט זִיךְ אוֹיס גִיקְלִיבְּן אֵיין שְׁלֶעכְטֶע זַאךְ פַאר אַ תַּכְלִית כַּנַ"ל). אַז עֶר זָאל זֵיי

המשך אויף זייט 6

פאַרְרֶעכְטְן. און זאָל זיי רייניגן. עֶר זאָל זיי אַרויס פירין פון זייער פאַרפירְטקייט. איטְלִיכֶע מְדִינָה זאָל עֶר אַרויס פירין פון איר שלעכץ און פון איר נאַרישקייט. וָואריִן זיי אַלֶע זֶענֶען זיך פאַרְפירט גִיוָוארִין כַּנַ"ל.

און הַיינְט הָאט דֶער בַּעַל תְּפִלָּה בְּוַודְאַי כֹּחַ גִיהַאט צוּ זיי צוּ גֵיין און זיי אוּמְקֶערִין צוּם רֶעכְטִין וֶועג. וָואריִן עֶר הָאט גִינוּמֶען כֹּחַ און רְשׁוּת פון די מְלָכִים פון די אַלֶע מְדִינוֹת. וָוארִין דָא זֶענֶען זיך גִיוֶוען אַלֶע מְלָכִים זַייעֶרֶע כַּנַ"ל (וָוארִין דֶער מֶלֶךְ מִיט דִי לַייט וָואס זיי זֶענֶען זיך צוּם אוֹיף גִיקוּמֶען זיי אַלֶע זֶענֶען זיך מְלָכִים פון די אַלֶע מְדִינוֹת פון די כִּתּוֹת הַנַּ"ל).

אִיז דֶער בַּעַל תְּפִלָּה גֶעגאַנְגֶען מִיט זַייעֶר כֹּחַ עֶר זָאל זיי רֵיינִיגְן און זָאל זיי מַחְזִיר בִּתְשׁוּבָה זַיין.

המשך פון זייט 2

# דעם רבי'נס לייט

כְּדֵי דֶער שַׁמָּשׁ זָאל צוּאוּויסְן טוּן פַאר דֶעם רַב, אַז דֶער און דֶער אִיד מַאכְט חֲתוּנָה זַיין קִינְד. אִין דֶעם נַאכְט וֶוען מֶען הָאט אִים גֶעלַאדְנְט צוּ אַ חֲתוּנָה פְלֶעגְט עֶר אַנְשְׁטָאט גֵיין צוּ דִי חֲתוּנָה, עֶנְדֶערְשׁ אוֹיפְזַיין אַ גַאנְצֶע נַאכְט אוּן לֶערְנֶען. זָאגְנְדִיג אוֹיבּ וָואלְט אִיךְ גֶעגַאנְגֶען צוּ דִי חֲתוּנָה וָואלְט אִיךְ סַייוֵוי אוֹיפְגֶעוֶוען בִּיז שְׁפֶּעט, וֶועל אִיךְ אִין דִי צַייט לֶערְנֶען, אוּן דָאס וֶועט זַיין אַ זְכוּת פַאר חָתָן-כַּלָּה.

אִיז גֶעוֶוען אֵיינְמָאל וֶוען אַ אִיד אִין שְׁטָאט הָאט חֲתוּנָה גֶעמַאכְט זַיינְס אַ קִינְד אוּן דֶער שַׁמָּשׁ הָאט נִישְׁט גֶעלָאזְט וִויסְן פַאר רַב וֶועגְן דִי חֲתוּנָה. אוֹיפְצוּמָארְגְנְס אִיז דֶער רַב צוּגֶעגַאנְגֶען צוּם שַׁמָּשׁ אוּן גֶעזָאגְט: "הֲיִתָּכֵן? נֶעכְטְן הָאט פְּלוֹנִי חֲתוּנָה גֶעמַאכְט אוּן מִיר נִישְׁט גֶערוּפְן צוּ דִי חֲתוּנָה, אֶפְשַׁר אִיז עֶר בְּרֹגֶז אוֹיף מִיר, אִיךְ הָאבּ אִים קֵיינְמָאל נִישְׁט שְׁלֶעכְטְס גֶעטוּן!" זָאגְט דֶער שַׁמָּשׁ, "נֵיין! דֶער אִיד הָאט יָא גֶערוּפְן דֶעם רַב, אָבֶּער אִיךְ הָאבּ מֶער נִישְׁט אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן פַאר'ן רַב דִי אַיינְלַאדֶענוּנְג ווַייל דֶער רַב קוּמְט דָאךְ סַייוֵוי נִישְׁט! אִיךְ הָאבּ אַייךְ שׁוֹין עֶטְלִיכֶע מָאל גֶעזָאגְט וֶועגְן דִי חֲתוּנוֹת וָואס קוּמְט פָאר אִין שְׁטָאט, אוּן אִיר הָאט זִיךְ נָאךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט בַּאוִויזְן, הָאבּ אִיךְ בַּאשְׁלָאסְן אַייךְ מֶער נִישְׁט צוּ לָאזְן וִויסְן דֶערְוֶועגְן, אִיר קוּמְט דָאךְ סַייוֵוי נִישְׁט!"

"עֶס אִיז נִישְׁט קֵיין גְרוֹיסֶע חִילוּק צוּ אִיךְ קוּם יָא אָדֶער נִישְׁט!" זָאגְט דֶער רַב: "דוּ זָאלְסְט מִיר וַוייטֶער לָאזְן וִויסְן וֶוער עֶס מַאכְט חֲתוּנָה, וַוייל אַזוֹי צְווִינְגְ אִיךְ זִיךְ אִין אַזַא נַאכְט אוֹיפְצוּזַיין אוּן לֶערְנֶען מֶשֶׁךְ דֶעם גַאנְצְן נַאכְט!"

ר' אַבְרָהָמֶ'לֶע שְׁטֶערְנְהַארְץ זַ"ל הָאט דֶערְצֵיילְט, אֵיינְמָאל בִּין אִיךְ גֶעוֶוען אִין אֵיינֶע פוּן דִי גְרוֹיסֶע שְׁטֶעט אִין רוּסְלַאנְד, אוּן זִיךְ דָארְט בַּאגֶעגְנְט מִיטְ'ן רַב פוּן דֶעם שְׁטָאט - וֶועלְכֶער אִיז גֶעוֶוען פוּן דִי גְּדוֹלֵי הַדּוֹר. דֶער רַב גִיבְּט מִיר אַ פְרֶעג: "פוּן וואוּ זֶענְט אִיר?" "פוּן טְשֶׁעהְרִין" אִיז גֶעוֶוען מַיין אַנְטְוָוארְט. "אִיר קֶענְט דֶעם רַב פוּן שְׁטָאט?" "יָא אַוַודְאַי, דָאס אִיז מַיין זֵיידֶע!"

זָאגְט דֶער רַב פַאר ר' אַבְרָהָמֶלֶע, "זָאגְט דֶעם רַב אִין מַיין נָאמֶען אַז אוֹיבּ וָואלְט עֶר זִיךְ מֶער אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן פַאר דִי וֶועלְט פוּן רַבָּנוּת וָואלְט דָאס גֶעוֶוען גָאר אַ גְרוֹיסֶע טוֹבָה פַאר אוּנְז" [עֶר הָאט גֶעמֵיינְט צוּ זָאגְן אַז דֶער טְשֶׁעהְרִינֶער רַב וָואלְט גֶעדַארְפְט שְׁרֵייבְּן מֶער שְׁאֵלוֹת אוּן תְּשׁוּבוֹת אִין הֲלָכָה]. וֶוען ר' אַבְרָהָמֶ'לֶע אִיז אַהֵיימְגֶעקוּמֶען אוּן דֶערְצֵיילְט פַאר'ן זֵיידְן וָואס דֶער רַב הָאט גֶעפָאדֶערְט, הָאט דֶער טְשֶׁעהְרִינֶער רַב גֶעזָאגְט, "אִיךְ הָאבּ זִיךְ אוּנְטֶערְגֶענוּמֶען צוּ אַרוֹיסְגֶעבְּן אַ סֵפֶר 'שְׁאֵלוֹת אוּן תְּשׁוּבוֹת פוּן הִימְל'!!" עֶר הָאט גֶעמֵיינְט צוּזָאגְן אַז עֶר הָאט גֶעשְׁרִיבְּן אַסַאךְ סְפָרִים אוֹיף עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, וָואס אוֹיף דֶעם פְרֶעגְט מֶען אוֹיבְן אִין הִימְל נָאךְ הוּנְדֶערְט אוּן צְוָואנְצִיג, אוּן מֶען דַארְף עֶנְטְפֶערְן אַ קְלָארֶע תְּשׁוּבָה אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ!!

"זָאלְסְט אָבֶּער נִישְׁט מֵיינֶען אַז אִיךְ שְׁרֵייבּ מִיר קֵיין תְּשׁוּבוֹת אִין נִגְלוֹת הַתּוֹרָה", זָאגְט אִים דֶער זֵיידֶע: דֶער טְשֶׁעהְרִינֶער רַב נֶעמְט אַרוֹיס זַיין שֻׁלְחָן עָרוּךְ אוּן צֵייגְט פַארְן אֵיינִיקְל וואוּ פוּן אַלֶע זַייטְן אִיז צוּגֶעשְׁרִיבְּן פוּל מִיט חִדּוּשִׁים אוּן הַגָּהוֹת!

## אַ תְּפִלָּה פַאר פּוּרִים

בַּאשֶׁעפֶּער אִיךְ וִויל זוֹכֶה זַיין דוּרְךְ דִי שִׂמְחָה אוּן הֵיילִיגְקַייט פוּן ׳פּוּרִים׳, מַמְשִׁיךְ צוּ זַיין אוֹיף מִיר אוּן אוֹיף גַאנְץ כְּלַל יִשְׂרָאֵל, דִי קְדוּשָׁה אוּן רֵיינְקֵייט וָואס וֶוערְט נִמְשָׁךְ פוּן דִי ׳פָּרָה אֲדֻמָּה׳ וֶועלְכֶע רֵיינִיגְט פוּן ׳טֻמְאַת מֵת׳, וָואס דוּ בַּאשֶׁעפֶּער הָאסְט אוּנְז בַּאפוֹילְן צוּ עוֹסֵק זַיין אוּן לֵיינֶען דִי פַּרְשָׁה פוּן ׳פָּרָה אֲדֻמָּה׳ נָאךְ פּוּרִים. אוּן דוּ הָאסְט אוּנְז אַנְטְפְּלֶעקְט: אַז דוּרְךְ פּוּרִים אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ רֵיינְקֵייט פוּן פָּרָה אֲדֻמָּה, מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין רֵיין אוּן מְקַבֵּל זַיין דִי קְדוּשָׁה פוּן קָרְבָּן פֶּסַח אִין זַיין צַייט.

רַאטֶעוֶועט מִיר פוּן דִי קְלִיפָּה פוּן הָמָן עֲמָלֵק, אוּן אִיךְ וִויל זוֹכֶה זַיין צוּ דִי הֵיילִיגְקַייט פוּן מָרְדְּכַי הַצַּדִּיק אוּן אֶסְתֵּר הַמַּלְכָּה

**א.** **צו וועלכע מדינה זענען זיי נאכדעם געקומען? און ווער איז זייער קעניג?**
- ❑ צו די כתה וואס זייער קעניג ווערט נישט געשפייזט פון עסן פון די אנדערע מענטשן – און דאס קינד איז זייער קעניג
- ❑ צו די כתה פון ישוב העולם און די בת מלכה איז זייער קעניג
- ❑ צו די כתה פון רציחה און די מלכה איז זייער קעניג

**ב.** **פארוואס האבן זיי גענומען די בת מלכה פאר קעניג?**
- ❑ ווייל זי איז א טאכטער פון קעניג
- ❑ ווייל זי איז א יפת תואר
- ❑ ווייל זי איז געזעסן אין א ים פון מילך

**ג.** **אויף וואס האבן געוויינט די אנשי המלך און די בת מלכה?**
- ❑ אויף דעם טייערן קינד
- ❑ אויף איר טאטע און מאמע
- ❑ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ד.** ***שאלת זכות: וועלכע פון די אנשי המלך האט געקעניגט אויף צוויי מדינות?***
- ❑ *דער בעל תפלה- אויף די מדינה של עשירות און אויף די כתה פון תפלה*
- ❑ *דער ממונה - אויף די מדינה של עשירות און אויף די כתה פון חכמה*
- ❑ *דער גבור - אויף די כתה פון גרויסן די איברים און אויף די כתה פון ישוב העולם*

**ה.** **וואס האט די בת מלכה געבעטן פון דעם בעל תפלה?**
- ❑ צו א ביסל רייניגן דערווייל די מדינה פון ישוב העולם פון זייער מיעוס שלעכטץ
- ❑ צו רייניגן די מדינה פון ישוב העולם פון זייער מיעוס שלעכטץ
- ❑ צו א ביסל רייניגן דערווייל אלע מדינות פון זייער טעות

**ו.** **צו וועלכע מדינה זענען זיי נאכדעם געקומען? און ווער איז זייער קעניג?**
- ❑ צו די כתה פון רציחה און די מלכה איז זייער קעניג
- ❑ צו די כתה פון ישוב העולם און די בת מלכה איז זייער קעניג
- ❑ צו די כתה וואס זייער קעניג ווערט נישט געשפייזט פון עסן פון די אנדערע מענטשן – און דאס קינד איז זייער קעניג

**ז.** **וואו האבן זיי געטראפן דעם קינד ווען זיי האבן אים גענומען פאר א קעניג?**
- ❑ אין א ים פון וויין
- ❑ אין א ים פון מילך
- ❑ אין א ים פון בלוט

**ח.** **וויאזוי האט דאס קינד דערקענט די אנשי המלך?**
- ❑ ווייל ער איז שוין געווען אביסל גרויס ווען ער איז פארלוירן געווארן
- ❑ ווייל זיין מאמע האט אים דערציילט אז זיי זענען דאס
- ❑ ווייל ער איז געבוירן געווארן מיט גרייטע חכמה

**ט.** **צו וועלכע מדינה זענען זיי נאכדעם געקומען? און ווער איז זייער קעניג?**
- ❑ צו די כתה וואס זייער קעניג ווערט נישט געשפייזט פון עסן פון די אנדערע מענטשן – און דאס קינד איז זייער קעניג
- ❑ צו די כתה פון רציחה און די מלכה איז זייער קעניג
- ❑ צו די כתה פון ישוב העולם און די בת מלכה איז זייער קעניג

**י.** **פארוואס האט די מדינה איר גענומען אלס מלכה?**
- ❑ ווייל זי איז געזעסן אין א ים פון בלוט
- ❑ ווייל זי איז א יפת תואר
- ❑ ווייל זי איז געזעסן אין א ים פון מילך

**יא.** **פון וואס איז געווארן די ים פון בלוט?**
- ❑ פון וויין
- ❑ פון קלעפ וואס זי האט גכאפט
- ❑ פון די טרערן פון די מלכה וואס זי פלעגט תמיד וויינען

**יב.** **צו וועלכע מדינה זענען זיי נאכדעם געקומען? און ווער איז זייער קעניג?**
- ❑ צו די כתה וואס זייער קעניג ווערט נישט געשפייזט פון עסן פון די אנדערע מענטשן – און דאס קינד איז זייער קעניג
- ❑ צו די כתה פון ישוב העולם און די בת מלכה איז זייער קעניג
- ❑ צו די כתה פון כבוד און דער מלך איז זייער קעניג

**יג.** **וואו האט די כתה אים געטראפן?**
- ❑ אין זיין חצר ווען ער איז געזעסן מיט אסאך קעניגן
- ❑ אין פעלד מיט א קרוין אויף זיין קאפ
- ❑ אין זיין פאלאץ מיט אלע שרים ארום אים

**יד.** **וויאזוי שטעלט דער רבי פאר, די שמחה ווען זיי האבן געטראפן דעם מלך?**
- ❑ שמחות און בכיות
- ❑ א שמחה אהן א סוף
- ❑ א שמחה וואס מ׳קען נישט משער זיין אין מח

**טו.** **צו וואו האבן זיי געשיקט דעם בעל תפלה נאכדעם וואס די הייליגע קיבוץ האט זיך געטראפן?**
- ❑ צו רייניגן די מדינה של עשירות פון תאוות ממון
- ❑ צו רייניגן די כתה פון ישוב העולם פון זייער מיעוס שלעכטץ
- ❑ צו רייניגן אלע מדינות פון זייער טעות

**טז.** ***שאלת זכות: וויפיל פון די אנשי המלך זענען צוזאמען געטראפן?***
- ❑ ***ניין*** *- דער בעל-תפילה און דער גבור, דער ממונה, און דער חכם, דער מליץ און דער אוהב נאמן, די בת מלכה, דער מלך און די מלכה.*
- ❑ ***צען*** *- דער בעל-תפילה און דער גבור, דער ממונה, און דער חכם, דער מליץ און דער אוהב נאמן, די בת מלכה און דאס קינד, דער מלך און די מלכה.*
- ❑ ***אכט*** *- דער גבור, דער ממונה, דער בעל-תפילה, דער חכם, דער מליץ, דער אוהב-נאמן די מלכה און דער מלך.*

**צו ענטפערן די בחינות און אריינגיין אינעם גורל, 02-5-3333-72**

**1-518-329-9149 646-518-1095**

המשך פון זייט 1

בַּלַּיְלָה הַהוּא - יֶענֶעם נַאכְט נָדְדָה שְׁנַת הַמֶּלֶךְ, חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן אַז דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיפְן בַּאשֶׁעפֶער דֶער מַלְכּוֹ שֶׁל עוֹלָם וָואס הָאט גֶעפִירְט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע הַשְׁגָּחָה אוּן מֶען הָאט גֶעהָאנְגֶען הָמָן, עֶס אִיז דַאן גֶעוָוארְן "וְנַהֲפוֹךְ הוּא אֲשֶׁר יִשְׁלְטוּ הַיְּהוּדִים הֵמָּה בְּשׂוֹנְאֵיהֶם.

הַיינְט שְׁטֵייעֶן אוֹיךְ אוֹיף שׂוֹנְאִים אוֹיף כְּלַל יִשְׂרָאֵל סַיי בְּגַשְׁמִיּוּת אוּן אוֹיךְ בְּרוּחָנִיּוּת. זֵיי קֶענֶען נִישְׁט אוֹיסְהַאלְטְן אַז עֶס אִיז פַארְהַאן אִידִישֶׁע קִינְדֶער מִיט אַ רֵיינֶע אֱמוּנָה וֶועלְכֶע הִיטְן דִי תּוֹרָה גֶענוֹי וִוי פַאר טוֹיזְנְט יָאר צוּרִיק. זֵיי פְּרוּבִירְן מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת דָאס צוּ צֶעשְׁטֶערְן.

אָבֶּער דִי צַדִּיקִים לֶערְנֶען אוּנְז עֵצוֹת וִוי אַזוֹי צוּ בַּייְשְׁטֵיין דִי מִלְחֶמֶת עֲמָלֵק - מִלְחֶמֶת הַיֵּצֶר, בְּעִקָּר לֶערְנֶען זֵיי אוּנְז זִיךְ נִישְׁט מְיַיאֵשׁ זַיין אוּן זִיךְ מַאכְן פְרֵיילִיךְ מִיט יֶעדֶע נְקוּדָה טוֹבָה וָואס מִיר פַארְמָאגְן. אוּן אוֹיבּ מֶען קֶען בְּשׁוּם אוֹפְן נִישְׁט זַיין פְרֵיילִיךְ קֶען מֶען גֶעבְּן אַ פַארְקְנֵייטְשׁ דִי בַּאקְן אוּן זִיךְ מַאכְן אַזוֹי וִוי מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ!!




בִּפְרָט דֶעם חֹדֶשׁ וָואס חז"ל זָאגְן אַז "מַרְבִּים בְּשִׂמְחָה", אוּן אַזוֹי וִוי דֶעמָאלְט אִיז גֶעוֶוען וְנַהֲפוֹךְ הוּא - אַלֶעס הָאט זִיךְ אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט לְטוֹבָה. אִיז הַיינְטִיגֶע צַייטְן אוֹיךְ אַזוֹי, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין דִי מְגִלָּה "וְהַיָּמִים הָאֵלֶּה נִזְכָּרִים וְנַעֲשִׂים בְּכָל דּוֹר וָדוֹר" אוּן מִיטְ'ן כֹּחַ הַתְּפִלָּה פוּן אִידִישֶׁע קִינְדֶער וֶועט בְּעֶזְרַ הַשֵּׁם נִתְגַּלֶּה וֶוערְן דֶער כֹּחַ פוּן דִי צַדִּיקִים אוּן נָאךְ דָאס יָאר וֶועט זַיין לַיְּהוּדִים הָיְתָה אוֹרָה וְשִׂמְחָה וְשָׂשׂוֹן וִיקָר אָמֵן וְאָמֵן.



# מיין מדות ווינקל

**אֱמוּנָה דוּרְךְ אֱמֶת**

*לִכְבוֹד דִי טַייעֶרֶע לֶעכְטִיגֶע קִינְדֶער וָואס רוּפְן זִיךְ עַל שֵׁם הַצַּדִּיק.*

מִיר וֶועלְן בְּעֶזְרַ הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ אַרוּמְרֶעדְן וֶועגְן דֶעם עִנְיָן פוּן אֱמוּנָה אוּן וִוי אַזוֹי קוּמְט מֶען צוּ, צוּ אַ רֵיינֶע אֱמֶת'דִיגֶע אֱמוּנָה.

אֱמוּנָה מֵיינְט גְלֵייבְּן אַז עֶס אִיז דָא אֵיין בַּאשֶׁעפֶער אוֹיף דֶער וֶועלְט וָואס צוּ זַיין רַחֲמָנוּת אִיז נִישְׁטָא קַיין גְרֶענִיץ אוּן עֶר ווִיל נָאר אוּנְזֶער אֵייבִּיגֶע גוּטְ'ס. דֶער רֶבִּי זָאגְט אַז כְּדֵי צוּ קֶענֶען צוּקוּמֶען צוּ 'אֱמוּנָה' דַארְף מֶען הָאבְּן 'אֱמֶת', וָואס דָאס וֶועט הֶעלְפְן צוּ גְלֵייבְּן נָאר אֱמֶת'דִיגֶע אֱמוּנָה אוּן גְלֵייבְּן נָאר וָואס מֶען דַארְף אוּן נִישְׁט גְלֵייבְּן פַאלְשֶׁע גְלוֹיבּוּנְגֶען.

אֱמוּנָה מֵיינְט אַז אִיךְ גְלֵייבּ אֲפִילוּ אִיךְ זֶע דָאס נִישְׁט מִיט מַיינֶע פְלֵיישִׁיגֶע אוֹיגְן - אֲפִילוּ אִיךְ פַארְשְׁטֵיי נִישְׁט דִי זַאךְ פָּארְט גְלֵייבּ אִיךְ וַוייל אִיךְ הָאבּ אֱמוּנָה! אָבֶּער וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ זִיךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן פַאלְשֶׁע גְלוֹיבּוּנְגֶען אִיךְ הָאבּ דָאךְ נִישְׁט קַיין קְלָארֶע בְּרִילְן צוּ זֶען אִין וָואס יָא צוּ גְלֵייבְּן אוּן וָואס נִישְׁט?!

דִי עֵצָה דֶערְפַאר אִיז אַז מֶען זָאל זוּכְן דֶעם אֱמֶת - אַז וֶוען אַ אִינְגְל ווִיל הָאבְּן אַ רֵיינֶע קְלָארֶע אֱמוּנָה זָאל עֶר אַוֶועקְלֵייגְן אַלֶע זַייטִיגֶע חֶשְׁבּוֹנוֹת פוּן כָּבוֹד, חֶשְׁבּוֹנוֹת, אָדֶער קוּקְן וָואס יֶענֶער זָאגְט. אִין אַנְדֶערֶע וֶוערְטֶער אַז דוּ וֶועסְט זוּכְן נָאר דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן דֶעמָאלְט קֶענְסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ ווִיסְן אִין וָואס מֶען דַארְף בֶּאֱמֶת גְלֵייבְּן אוּן אִין וָואס נִישְׁט.

צוּ בַּאקוּמֶען דֶעם אֱמֶת מוּז מֶען הָאבְּן דֶעם כֹּחַ פוּן צַדִּיק הָאֱמֶת, דָאס מֵיינְט אַז מֶען וֶועט אַנֶערְקֶענֶען אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִיז זֵייעֶר זֵייעֶר גְרוֹיס אוּן עֶר אִיז דֶער אֱמֶת'דִיגֶער חָכָם וָואס פַארְשְׁטֵייט אוּן הָאט דֶערְגְרֵייכְט דֶעם אֱמֶת'דִיגֶע וֶועג אוּנְז צוּ בְּרֶענְגֶען צוּם אֵייבִּיגְן גוּטְ'ס, אוּן דָאס וֶועט אוּנְז צוּבְּרֶענְגֶען צוּ וֶועלְן לֶערְנֶען דֶעם רֶבִּינְ'ס הֵיילִיגֶע סְפָרִים וָואס דָארְט שְׁטֵייט גֶעוַואלְדִיגֶע עֵצוֹת וִוי צוּ וֶוערְן נָאנְט צוּם הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער אוּן פְּרָאבִּירְן עֶס צוּ אוֹיסְפִירְן. בִּפְרָט דִי הוֹיפְּט עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת - רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי וִוי מֶען רֶעדְט צוּ אַ גוּטֶער נָאנְטֶער חָבֵר וָואס מֶען דֶערְצֵיילְט אִים אַלֶעס וָואס עֶס לִיגְט אוֹיפְן הַארְצְן. דוּרְךְ דֶעם וֶועט מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ ווִיסְן אִין וָואס יָא צוּ גְלֵייבְּן אוּן אִין וָואס נִישְׁט צוּ גְלֵייבְּן, "מֹשֶׁה אֱמֶת וְתוֹרָתוֹ אֱמֶת".